בעזהשי"ת

קוּנְטְרֵס

# דִי זוּמֶער טֶעג

## חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וְוִי אַזוֹי זִיךְ צוּ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ דוּרְכְאוֹיס דִי נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי זוּמֶער טֶעג

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ

## רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב שְׁלִיטָ"א

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט
זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים,
אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא
אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהשי"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב
יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ תובב"א

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**34 Union Rd.**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# דִי זוּמֶער טֶעג

## צְווִישְׁן דִי גְרָאז

יֶעצְט אִין 'דִי זוּמֶער טֶעג' קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, וַוייל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה טוּט זִיךְ יֶעצְט בַּאנֵייעֶן, אַלֶע בֵּיימֶער, אַלֶע גְרָאזְן הֵייבְּן אָן צוּ שְׁפְּרָאצְן; נָאכְן זַיין אַ גַאנְץ ווִינְטֶער טוֹיט, נָאכְן זַיין אַ גַאנְץ ווִינְטֶער טְרִיקְן - הֵייבְּן אַלֶע אָן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן שֵׁיינֶע פְּרוּכְט אוּן שֵׁיינֶע בְּלֶעטְלֶעךְ; אִיז דָאס אַ צַייט פַאר אוּנְז אַלֶע זִיךְ צוּ אוֹיפְפְּרִישְׁן, זִיךְ בַּאנֵייעֶן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט אִין 'דִי זוּמֶער טֶעג' זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיט

תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, טְרַאכְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע זְמַן, פוּן דִי ווִינְטֶער זְמַן, קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, ווַייל דָאס צוּרִיק קוּקְן לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אַזוֹי ווִי אַלֶע בֵּיימֶער אוּן אַלֶע פֶעלְדֶער הֵייבְּן אָן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט צוּ ווַאקְסְן, צוּ שְׁפְּרָאצְן, אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן דִי גוּטֶע פְּרוּכְט אוּן דִי שֵׁיינֶע בְּלוּמֶעלֶעךְ - אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מִיט אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דוּ הָאסְט אַ פֶעלְד - זָאלְסְטוּ גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִין פֶעלְד, זַיי זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד, ווַייל עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קסג), ווִי גֶעשְׁמַאק אִיז צוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז הֶערְן ווִי זֵיי זִינְגֶען שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע גְרָאז זִינְגְט אַ נִיגוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין פְּנִיּוֹת, אָן קַיין מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, ווִי גוּט אוּן ווִי שֵׁיין אִיז צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי; אוּן אוֹיךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פֶעלְד קֶען מֶען גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר אִין אַ שְׁטִילֶע גַאס אוּן דָארְט שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין גוּט אוּן ווִי מֶען הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין נָאנְט צוּ ווֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וֶוער נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט

יֶעצְט אִין 'דִי זוּמֶער טֶעג' וֶוערְט שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁמִירָה אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער - וֶוערְט גָאר שְׁוֶוער, עֶס וֶוערְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרִיצוּת, דִי גַאסְן וֶוערְן זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר פוּן פְּרִיצוּת אוּן מֶען קֶען פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן בַּיי דִי קְלִיפּוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אוּן מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, קֶען מֶען פַארְלִירְן אַזוֹיפִיל קְדוּשָּׁה אוּן אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען מוּז זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן דִי אוֹיגְן מֶען זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן דִי קְדוּשָּׁה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַלֶע יָארְן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם לִיגְט אַלֶעס, אוֹיבּ מֶען הִיט דִי אוֹיגְן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן זֵייעֶר הֵיילִיג, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים טַייטְשְׁן, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, כא): "אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ", טַייטְשְׁן זֵיי: "אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה", וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען הֵיילִיג? אוּן וָואס דַארְף מֶען טוּן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן הֵיילִיג? "הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ", עֶס לִיגְט אִין דִי אוֹיגְן, וֶוען מֶען גֵייט אִין דִי וֶועגְן; מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן אִין גַאס, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אִין פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַאלְן.

אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי

מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע (בַּמִּדְבָּר טו, לט): "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יב:): 'אַחֲרֵי לְבַבְכֶם' דָאס מֵיינְט מֶען 'מִינוּת', אוּן 'אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם' דָאס מֵיינְט מֶען 'טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת'; דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, דֶער וָואס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַּאלְט אַרַיין אִין מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, דִי אֱמוּנָה וֶוערְט בַּיי אִים פַארְלָאשְׁן, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז פוּל מִיט מַחֲשָׁבוֹת פוּן סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער דֶער וָואס הִיט דִי אוֹיגְן - דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אוּן מִיט אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק; וַוייל וֶוען עֶס גֵייט גוּט וֵוייסְט מֶען אַז עֶס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ חַס וְשָׁלוֹם וֶוען עֶס גֵייט פַּארְקֶערְט וִוי מֶען ווִיל - וֵוייסְט מֶען אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַלֶעס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען נִישְׁט זַיין אַז עֶס אִיז שְׁלֶעכְט.

## אַ נֶערְוֶועזֶער...

יֶעצְט אִין 'דִי זוּמֶער טֶעג' וֶוערְן דִי נִסְיוֹנוֹת זֵייעֶר גְרוֹיס, מֶען דַארְף אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, מֶען קֶען פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען וֶוערְט אַ נֶערְוֶועזֶער, דִי נֶערְוֶוען וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן אוּן פָארְנֶעמֶען

דִי לֶעבְּן, מֶען רֶעגְט זִיךְ, מֶען שְׁרֵייט, מֶען וֶוערְט אַ שְׁלֶעכְטֶער, דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאל זוּכְן וואוּ מֶען קֶען אַוֶועק לוֹיפְן פוּן דִי לֶעבְּן; עֶס זֶענֶען דָא וָואס אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַלְקָאהָאל, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי טְרִינְקֶען זִיךְ אָן, זֵיי שִׁיכּוֹרְ'ן אָפּ זֵייעֶר טֶעג אוּן יָארְן. עֶס זֶענֶען דָא וָואס אַנְטְלוֹיפְן צוּ נֶעמֶען שֶׁעדְלִיכֶע קֶעמִיקְלְס, מֶען פַּארְדְרָאגְט זִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי יָאךְ פוּן דָאס לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס קוּמְט פוּן פַאלְן אִין מִידַת הַיְסוֹד, דוּרְךְ מַפְקִיר זַיין דִי אוֹיגְן, קוּקְן עֲבֵירוֹת, דָאס רַייסְט אוֹיס דִי מֹחַ, דִי נֶערְוֶוען וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי לֶעבְּן, אוּן אַמָאל אִיז שׁוֹין אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז מֶען טְרַאכְט שׁוֹין דָאס עֶרְגְסְטֶע, פוּן עֶנְדִיגְן מִיט דִי לֶעבְּן, מֶען וִויל אִינְגַאנְצְן אַנְטְלוֹיפְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן אִיז מֶען פוּל מִיט חֵן, מֶען אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט אַ חַיוּת אִינֶעם לֶעבְּן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, וַוייל אַז מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה רוּט בַּיי מֶענְטְשׁ דִי שְׁכִינָה, אוּן אַז עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה - אִיז דָא אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין גַאס וואוּ מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְט קוּק.

## סְמַארְטְפָאוֹן

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, דִי צַדֵיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער

פוּן רֶבִּי'ן - הָאט אַמָאל גֶעהָאלְפְן מְסַדֵר זַיין דִי דִירָה, מֶען הָאט אִיבֶּער גֶעפַּארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, אוּן זִי הָאט אִיבֶּער גֶעדֶעקְט דִי מֶעבְּל אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, אוּן אוֹיפְן וַואנְט הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ טֵייעֶרֶע זֵייגֶער, הָאט זִי גֶענוּמֶען אַ טִיכְל וָואס פְּרוּיעֶן בִּינְדְן זִיךְ דִי קָאפּ אוּן מִיט דֶעם אִיבֶּער גֶעדֶעקְט דֶעם זֵייגֶער, אַז דִי זֵייגֶער זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג וֶוערְן, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מִיט דֶעם דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דִי זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז הַיינְט דָא אַזֶעלְכֶע שְׁוַואכֶע מוֹחוֹת, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן נָאר אַ טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דֶעק אִיבֶּער דִי זֵייגֶער מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ"; טְרַאכְט אַרַיין, וָואס וָואלְט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער - דִי כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף עֲבֵירוֹת? אוֹיבּ אַ טִיכְל הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֵייגְן אוֹיפְן וַואנְט, וַוייל דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען נִישְׁט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי מֹחַ, קָאפּ אוּן הַארְץ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי תְּמִימוּת - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן.

## תְּפִלָה וְהִתְבּוֹדְדוּת

אֲפִילוּ מִיט אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ' - וָואס לָאזְט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין דִי גָאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - אִיז מֶען נָאכְאַלְץ אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה, עֶס

קִילְט אָפּ דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי וָואס הָאבְּן דָאס - זֵיי וֵוייסְן גָאר גוּט, טִיף אִין הַארְצְן וֵוייסְן זֵיי אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ, נָאר דִי נִסָיוֹן אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס צִיט זֵייעֶר, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, אוּן אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם - קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער שֵׁיידְן דֶערְפוּן; נָאר אֵיין עֵצָה בְּלַייבְּט אִיבֶּער צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם, דוּרְךְ 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל צוּרִיק מַיין רֵיינְקֵייט אוּן מַיין אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ בִּין פַּארְקְרָאכְן, אִיךְ הָאבּ אַ טֶעלֶעפָאן וָואס צִיט מִיךְ צוּ דְבָרִים בְּטֵלִים אוּן לֵיצָנוּת, עֶס צִיט מִיךְ צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ אַלֵיינְס וֵוייס גוּט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט דִי תְּמִימוּת פוּן אַמָאל בַּיים לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין חֵשֶׁק בַּיים טוּן מִצְוֹת, אַמָאל אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן הִתְלַהֲבוּת; אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן קַאלְט, אִיךְ פַאל, אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אִיךְ בֶּעט דִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן עֶס אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אוּן זִיךְ פִירְן וִוי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, הֶעלְף מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיךְ זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זִיךְ פִירְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן נִישְׁט הֶערְן קַיין דְרָשׁוֹת שֶׁל דֹּפִי, נִישְׁט הֶערְן אִינְטֶערְוְויוּס פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלִיגֶער פוּן דִי עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים"; נָאר דִי עֵצָה בְּלַייבְּט אִיבֶּער, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן מִיט דִי עֶרְלִיכְקֵייט, מִיט דִי תְּמִימוּת.

# טוֹיזַנְט אוֹיגְן

יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין 'דִי זוּמֶער טֶעג' דַארְף מֶען אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת, וַוייל אִין דִי אוֹיגְן אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אַלֶעס, דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין דִי אוֹיגְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - רַייסְט מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קוּמְט צוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, עֶס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן יֶעדֶע שְׁלֶעכְטֶע קוּק קְלִיפּוֹת אוּן מַזִיקִים וָואס טוּעֶן זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיךְ דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אִיז זִיךְ נוֹקֵם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כ:): "מַלְאַךְ הַמָּוֶת כֻּלּוֹ מָלֵא עֵינַיִם", דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אִיז אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעפִילְט מִיט אוֹיגְן; וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִפְטָר וֶוערְן, קוּמְט דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת, עֶר צִיט זִיךְ אוֹיס פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל אוּן עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק אוֹיגְן, פוּל מִיט אוֹיגֶעלֶעךְ, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אִים וֶוערְט עֶר זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פוּן דֶעם שְׁטַארְבְּט מֶען; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט בְּשֵׁם זַיין רֶבִּי'ן, דֶער גָאוֹן וְקָדוֹשׁ רֶבִּי נָתָן אַדְלֶער זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה (חֲתַם סוֹפֵר בְּרֵאשִׁית, הַקְדָמָה) אַז דִי טוֹיזְנְטֶער אוֹיגֶעלֶעךְ - דָאס זֶענֶען פוּן דִי אַלֶע הִסְתַּכְּלוּת אֲסוּרוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעקוּקְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, דִי אַלֶע אוֹיגְן נֶעמְט דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אוּן עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הַרְגְ'עט אִים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן. מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר וָואס מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּרַייטָאג צוּ נַאכְטְס: "וִישֵׁזְבִינָנָא מֵעֵינָא בִּישָׁא, וּמֵחַרְבָּא דְמַלְאַךְ הַמָּוֶת, וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵיהִנֹּם", הִיט אוּנְז פוּן אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג, אוּן פוּנֶעם מַלְאָךְ הַמָּוֶת, אוּן פוּן גֵיהִנֹּם; אַז דָאס גֵייט אִינְאֵיינֶעם, אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְן קַיין 'עֵינָא בִּישָׁא' מִיר וֶועלְן הִיטְן דִי אוֹיגְן, וֶועלְן מִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן פוּנֶעם שְׁוֶוערְד פוּנֶעם מַלְאָךְ הַמָּוֶת, אוּן מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנֹּם.

אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, סֵיי אִין גַאס, סֵיי אִין אַ טֶעלֶעפָאן, אִין קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה - פַאלְט אַוֶועק דִי תְּמִימוּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ט:): "שִׁמְשׁוֹן הָלַךְ אַחַר עֵינָיו", שִׁמְשׁוֹן אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ זַיינֶע אוֹיגְן, "לְפִיכָךְ נִקְּרוּ פְּלִשְׁתִּים אֶת עֵינָיו", זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים אוּן אוֹיסְגֶעשְׁטָאכְן דִי אוֹיגְן, מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה; דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קוּמֶען דִי פְּלִשְׁתִּים, דָאס זֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת, אוּן זֵיי רַייסְן אוֹיס דִי אוֹיגְן פוּן זֶען אֱלֹקוּת, פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי פְּלִשְׁתִּים דָאס זֶענֶען דִי לֵצִים, מִיט לֵיצָנוּת וֶוערְט אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אוֹיגְן, מֶען זֶעט מֶער נִישְׁט אוּן מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה מב.), עֶס אִיז דָא פִיר כִּיתּוֹת וָואס: "אֵין מְקַבְּלִים פְּנֵי שְׁכִינָה", אֵיינֶע פוּן דִי כִּיתּוֹת אִיז דִי כַּת לֵצִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל, סוֹטָה מב),

דִי פִיר כִּיתּוֹת זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר וֶועלְטְן, און דִי כַּת לֵצִים אִיז אַנְטְקֶעגְן עוֹלָם אֲצִילוּת, וַוייל לֵיצָנוּת אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן עוֹלָם אֲצִילוּת - קוּמְט לֵיצָנוּת און פַארְלֶעשְׁט עֶס, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט, מֶען פַארְלִירְט עֶס; און דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת, בִּיז מֶען פַאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלַן.

## תּוֹרָה תַּבְלִין

יֶעצְט אִין 'דִי זוּמֶער טֶעג', אַז מֶען נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג - קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד; דִי טֶעג זֶענֶען לַאנְגֶע טֶעג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לֵייגְן פְרִי שְׁלָאפְן, מֶען דַארְף וַוארְטְן צוּ דַאוֶונֶען מַעֲרִיב; קֶען מֶען אִין דִי צַייט אַרַיינְכַאפְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, און אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר וָואס מֶען וויל לֶערְנֶען און וִויפִיל מֶען וויל אָנְקוּמֶען - קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.), וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ סְגוּלָה פַאר יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן דִי וָואךְ מִיט לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, און

אַזוֹי וַוייטֶער; נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָלְיוֹת הַלָלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת", 'מִשְׁנָה' אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'נְשָׁמָה', דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט דִי נְשָׁמָה רֵיין, מֶען נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע פְלֶעקְן וָואס מֶען הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דוּרְךְ עֲבֵירוֹת, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן דוּרְךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ פַּטֶרְ'ן דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען שַׁ"ס כְּסִדְרָן, הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן וֶוען דוּ בִּיסְט מְסַיֵים - זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ מַסֶכֶת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן 'דִי זוּמֶער טֶעג'; עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, דִי נִסְיוֹנוֹת וֶוערְן מֶער אוּן מֶער, שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען וֶוערְט נִכְשָׁל אִין רְאִיוֹת אֲסוּרוֹת, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת, בִּיז מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה, מֶען פַארְלִירְט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוּן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ רַאטֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידוּשִׁין ל.), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ הֵיילוּנְג פַארְן יֵצֶר הָרָע, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אוּן

אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועט פוּן אִים, אוּן אֲפִילוּ מֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי טוּנְקְל, "בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי" (אֵיכָה ג, ו), מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, "זֶה תַּלְמוּדָהּ שֶׁל בָּבֶל" (סַנְהֶדְרִין כד.), אִיז דִי עֵצָה צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, לֶערְנֶען בַּבְלִי.

## טְרֶערְן

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, יֶעצְט אִין 'דִי זוּמֶער טֶעג' זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מִיט אַ פֶעסְטֶע אָפְּמַאךְ אָפְּצוּהִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, וַוייל נָאר דוּרְךְ טְרֶערְן פוּן תְּשׁוּבָה וָואס מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אוֹיסְוַואשְׁן דִי אוֹיגְן, אוּן מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּגַם; מֶען דַארְף פַארְגִיסְן טַייכְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן, וַוייל אַלֶע צָרוֹת וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וַוייל מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן; מֶען פַארְלִירְט אַזוֹיפִיל גוּטְס דוּרְךְ זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, מֶען פַארְלִירְט דִי שִׁידוּךְ, מֶען פַארְלִירְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן שפז), אַ אִיד אִיז

גֶעקוּמֶען מִיט אַ טַעֲנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי יְהוּדָא הֶחָסִיד הֲיִתָּכֵן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעפַאסְט אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע שִׁידוּךְ, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִלּוֹת, "אָמַר הֶחָכָם", הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֶה הַצַּעַר הַבָּא עָלֶיךָ בִּשְׁבִיל שֶׁהָיִיתָ צוֹפֶה בְּנָשִׁים, וְזִמֵּן לְךָ מַה שֶּׁלֹּא מָצְאָה חֵן בְּעֵינֶיךָ", דַיין גַאנְצֶע צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז וַוייל דוּ הִיטְסְט נִישְׁט דַיינֶע אוֹיגְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ אַ פְּלַאץ; אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין זִיךְ אוֹיס אוּן בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאב בִּיז אַהֶער נִישְׁט גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, פוּן אִינְדְרוֹיסְן שְׁפִּיל אִיךְ אַ שֵׁיינֶע שְׁפִּיל, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ אַהֶער וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אוּן פְרוּמֶער, אַלֶע קֶענֶען מִיךְ וִוי אַ טַייעֶרֶער אוּן אַן אֵיידֶעלֶער, אָבֶּער פוּן דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַלֶעס, דוּ זֶעסְט אַלֶעס, אָנָּא הַשֵּׁם אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין בְּלָאטֶע, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר אוּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֲנֵנוּ ה' עֲנֵנוּ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, אִיךְ זָאל נִיצְן מַיינֶע אוֹיגְן נָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָמֵן סֶלָה".

## גוּטֶע חֲבֵרִים

חַבֶר זִיךְ נָאר מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וַוייל יֶעצְט אִין 'דִי זוּמֶער טֶעג' זֶענֶען דִי נִסְיוֹנוֹת גְרוֹיס, אוּן נָאר אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים, אֵיידֶעלֶע אוּן עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים - קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק. דִי סִימָן צוּ וִויסְן וֶוער אִיז אַ גוּטֶער חַבֶר אוּן פוּן וֶועם מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן - אִיז דִי מוֹיל; דֶער וָואס רֶעדְט אֵיידְל אוּן פִירְט זִיךְ מִיט תְּמִימוּת - דֶער אִיז אַ גוּטֶער חַבֶר, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיב מֶען הֶערְט אֵיינֶעם רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל - דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים, אוּן אֲפִילוּ יֶענֶער זֶעט אוֹיס וִוי אַן עֶרְלִיכֶער, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עֶר אִיז נִישְׁט תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ, פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג אִיז פוּל מִיט שְׁלֶענְג אוּן עֶגְדִיסְן אוּן מֶען קֶען גֶעבִּיסְן וֶוערְן פוּן אִים.

גֵיי נִישְׁט אִין לֵיידִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלֶעצֶער, אִין לֵיידִיגֶע שׁוּלְן וְכַדוֹמֶה, דְרֵיי זִיךְ נָאר אִין פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן, וואוּ מֶען קֶען זֶען אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ דָארְט, וַוייל אִין דִי לֵיידִיגֶע שׁוּלְן קֶען מֶען אַרַיינְפַאלְן מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ דוּרְךְ בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת, דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת זוּכְן שְׁטִילֶע פְּלֶעצֶער, לֵיידִיגֶע מִקְוָאוֹת, לֵיידִיגֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ, זֵיי לָאקֶערְן אוֹיף בָּחוּרִים זֵיי צוּ פַאנְגֶען אִין זֵייעֶר בִּיטֶערֶע נֶעץ, אוּן אַז אַ פְּרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ רוּפְט דִיךְ אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין, אוּן אַז חָלִילָה וְחַס אֵיינֶער

ווִיל דִיךְ מְטַמֵא זַיין, אֵיינֶער ווִיל דִיךְ אָנְרִירְן... - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר הִילְף, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט אוּן הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן, אוֹיף דַיין עָתִיד.

קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין אַ חַבֵר'ס טֶעלֶעפָאן, אַמָאל קֶען מֶען מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק פַארְלִירְן דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְדֶעם מוּטְשֶׁען דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, נִיץ אוֹיס דַיין צַייט צוּ טוּן חֶסֶד, צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן הֶעלְפְן אִין שׁוּל, אִין יְשִׁיבָה וְכַדוֹמֶה.

# תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵ-ל בּוֹרֵא עוֹלָם

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרַב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֵה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטּאֹקַאִי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקְטִיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה

## נדפס לזכות
## מורינו ראש הישיבה שליט"א

וזוגתו

## אסתר גיטל תחי',

וילדיהם

## שלמה ומשפ',
## אלחנן חיים ומשפ',
## מרים העניא זיסל ומשפ',
## שמעון ומשפ',
## נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,
## רחל לאה, יוסף, מנחם,
## יחזקאל, מלכה, עמרם.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם
לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי
חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

# יואל הכהן לאנדא

וזוגתו

# חוה לאה

וילדיהם

**פיגא**

**חיה**

**שמעון**

**חיים יוסף.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון